

תורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספרים וכתבים הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת אמור

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### דער אויבערשטער שוינט אפילו אויף די כבוד פון רשעים

די תורה דערציילט די וואך סוף פרשה איבער א שוידערליכע געשעעניש; דער לשון הפסוק איז (כד, יא): "**וַיֵּצֵא בֶּן אִשָּׁה יִשְׂרְאֵלִית וְהוּא בֶּן אִישׁ מִצְרִי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... וַיִּקֹּב בֶּן הָאִשָּׁה הַיִּשְׂרְאֵלִית אֶת הַשֵּׁם וַיְקַלֵּל... וְשֵׁם אִמּוֹ שְׁלֹמִית בַּת דִּבְרִי לְמַטֵּה דָן**". א פרעכער יונג האט זיך ר"ל דערוואגט "לברך את השם" בלשון סגי נהור!

ס'לאזט זיך אליין פארשטיין אז מ'רעדט דא פון א זעלטענע געשעעניש וואס קיין שום ערליכער איד - אפילו נישט קיין גרויסער בעל השגה - וועט זיך נישט חלומ'ען אין זיין ווילדסטן חלום אזאנס צו טון, אבער ליידער האט דער פארשוין אפגעטון אזא מיאוס שטיקל.

לאמיר אבער זען: וויאזוי האט דער פארשוין געהייסן?! וואס איז זיין נאמען?! קיינער ווייסט נישט. די תורה האט אונז דאס נישט אנטפלעקט. נאר איין זאך שטייט, אז ער איז געווען "**בֶּן אִשָּׁה יִשְׂרְאֵלִית**", אבער זיין נאמען איז נישט באקאנט.

אויך דער מיט וועמען ער האט זיך געקריגט, וואס ער האט אים גורם געווען צו טון די געמיינע זאך, און חז"ל זאגן דאך אז "**מגלגלין חובה על ידי חייב**", איז דאך מסתמא יענער נישט געווען קיין קלענערער פארשוין, ווערט ער אבער אויך נישט דערמאנט ביים נאמען נאר בלויז "**אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי**". דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע איז די תורה נישט מפרסם זייערע נעמען?!

איז דער אור החיים הק' מגלה א שטארקע יסוד, און לשון קדשו איז: "**וְאֵין הַקָבָּ"ה חָפֵץ לְגַנּוֹת אָדָם, וּמַה גַם בַּתּוֹרָה שֶׁנִּשְׁאַר הָרֹשֶׁם לְעוֹלָם וָעֶד**". דאס הייסט, הגם אז די צוויי האבן טאקע געטון א געפערליכע עבירה, אבער אויב זייערע נעמען וואלטן ארויסגעשריבן געווארן וואלטן זיי געבליבן פארצייכענט לגנאי לעולם ועד, ווייל די תורה בלייבט דאך אויף אייביג. **און דער אויבערשטער זוכט נישט צו פארשעמען אפילו קיין רשעים נאר אויב עס איז דא א ספעציעלע סיבה דערצו!**

פאר די זעלבע סיבה - זאגט דער רבי - שטייט אויך נישט אין די תורה סוף פרשת אמור ווער דער "מקושש עצים" איז געווען, ווייל דער אויבערשטער שוינט אפילו אויף די כבוד פון רשעים! און הגם ער האט מחלל שבת געווען, איז נישטא קיין באזונדערע סיבה אז די תורה זאל אויפדעקן זיין שאַנד לעולם ועד.

לעומת זה, דער וואס טוט א מצוה באצייכענט אים יא די תורה מיט'ן נאמען, כדי צו משבח זיין די עושי מצוה אויף אייביג. אזויווי מיר זעען ביי פינחס בן אלעזר וואס האט מקנא געווען קנאת ה' צבקות און אראפגענומען דעם חרון אף פון כלל ישראל, שרייבט די תורה קלאר ארויס זיין נאמען, און דאס איז די עיקר שכר וואס ער האט באקומען פאר'ן מקדש זיין שם שמים אז זיין נאמען איז געדענקט אויף אייביג לטובה.

איי וועסטו פרעגן: אויב אזוי אז די תורה שוינט אפילו אויף די כבוד פון רשעים, איז פארוואס שטייט יא די מאמע'ס נאמען; "**וְשֵׁם אִמּוֹ שְׁלֹמִית בַּת דִּבְרִי**"?!

ענטפערט דער אור החיים הק', אז דא איז דא א ספעציעלע סיבה. ווייל זי האט געוואוסט אז איר זון גייט אויף א שלעכטן וועג, און אנשטאט אים צו אויס'מוסר'ן און שטעלן אויפן פלאץ אז ער זאל נישט טון אזעלכע געמיינע זאכן, האט זי רחמנות געהאט אויף אים און אים גארנישט געזאגט. אבער דער פסוק זאגט: "**וְרַחֲמֵי רְשָׁעִים אַכְזָרִי**" - **רחמנות פון רשעים איז נישט מער ווי אכזריות!** ווייל קוק צו וואס דאס האט צוגעברענגט...

וועגן דעם שרייבט דייקא די תורה יא איר נאמען, צו זאגן: "גיב א קוק ווער די מאמע איז און וועלכע זון איז אויסגעוואקסן פון איר אזוי גערופענע רחמנות"... אונז צו לערנען, אז מ'טאר נישט רחמנות האבן אויף קיין רשעים, נאר מ'דארף מאכן זיכער אז זיי פאררעכטן זייערע דרכים.

## פניני חיים
פנינים מובחרים משובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל

לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים ... וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו.** (כא, א)

די מפרשים ברענגען עטליכע פשטים אויף די דאפלטע לשון "**אֱמֹר - וְאָמַרְתָּ**". מ'קען אויך זאגן, אז "**וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם**" גייט ארויף אויף כלל ישראל, אז אלע אידן זענען מוזהר נישט צו מטמא זיין די כהנים, אזויווי דער רמב"ם פסק'נט (פ"ג מהל' אבל ה"ה): "**הַמְּטַמֵּא אֶת הַכֹּהֵן, אִם הָיוּ שְׁנֵיהֶם מְזִידִים, הַכֹּהֵן לוֹקֶה וְהַמְטַמֵּא עוֹבֵר מִשּׁוּם וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל. וְאִם הָיָה הַכֹּהֵן שׁוֹגֵג וְהַמְטַמֵּא מֵזִיד, הֲרֵי זֶה שֶׁמְּטַמְּאוֹ לוֹקֶה**". מיט דעם שטימט וואס די תורה ענדיגט צו דעם פרשה (להלן פס' כד): "**וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו וְאֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**" אז די פרשה איז אויך געזאגט געווארן "**אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", ווייל אלע אידן זענען אויך מוזהר געווארן נישט צו מטמא זיין די כהנים.

**בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לַחֹדֶשׁ בֵּין הָעַרְבָּיִם פֶּסַח לַה'.** (כג, ה)

די תורה קומט באטאנען "**פֶּסַח לַה'**" אז מ'זאל מקריב זיין דעם קרבן פסח פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן, מיט א ריינע כוונה צו טון זיין רצון. ווייל ביים קרבן פסח אין מצרים האבן די אידן געהאט צוויי זייטיגע פארדינסטן. איינס, אז ס'האט געהאט גאר א געשמאקע טעם, אזויווי דער מדרש זאגט (שמו"ר יט, ה) אז דער קרבן פסח וואס משה רבינו האט געמאכט, איז אנגעזאפט געווארן מיט גאר א פיינעם ריח פון גן עדן. צוויי, אז דורכדעם זענען זיי געראטעוועט געווארן פונעם משחית וואס האט זיך ארומגעדרייט יענע נאכט צו הרג'ענען אלע בכורים. ממילא איז זייער כוונה דעמאלטס נישט נאר געווען לשם ה', נאר אויך פאר אייגענע הנאה וועגן.

קומט דא די תורה זאגן אויף אלע קומענדיגע דורות, אז הגם דעמאלטס וועט מען נישט האבן די זייטיגע הנאות אזויווי ביים ערשטן קרבן פסח, זאל מען עס מקריב זיין "**פסח לה'**" בלויז צו טון דעם אויבערשטנ'ס רצון.

**וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד.** (כד, ב)

וואו קומט אריין די מצוה פון "הדלקת המנורה" גלייך נאך פרשת המועדים?! קען זיין, ווייל די תורה באפעלט דא פארשידענע מצוות וואס האט מיט'ן ציפער "**7**"; אזויווי יום טוב פסח איז **זיבן** טעג, סוכות איז **זיבן** טעג, נעמען ד' מינים גייט אן **זיבן** טעג, ראש השנה און יום כיפור זענען "**בחודש השביעי**", זעט מען אז נומער **זיבן** האט א ספעציעלע חשיבות.

וועגן דעם שטעלט די תורה נאנט די מצוה פון "הדלקת המנורה", ווייל די מנורה האט אויך **זיבן** רערן. אויך די מצוה פון "לחם הפנים" וואס שטייט נאכדעם האט צוטון מיט זיבן, ווייל ס'איז געווען זעקס ברויטן אויף יעדע זייט פונעם שולחן, און צוזאמען מיט'ן שולחן אליינס איז דאס **זיבן**.

וועגן דעם שטייט דא אויך די מצוה פון "ספירת העומר" אז מ'זאל ציילן "שבע שבתות תמימות" - **זיבן** מאל **זיבן** טעג. און אנפאנג פרשת המועדים שטייט די מצוה פון "שבת" - דער **זיבעטער** טאג. קומט אויס אז די תורה רעכנט דא אויס אלעס וואס האט צוטון מיט **זיבן**, צו ווייזן אז נומער **זיבן** האט א ספעציעלע קדושה.

## הלכה ודרוש

# האם מנו ישראל 'ספירת העומר' במדבר

**מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם** וְגוֹ'. פֵּרוּשׁ, מֵעַכְשָׁו קֹדֶם שֶׁתִּכָּנְסוּ לָאָרֶץ - "מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת". וּכְנֶגֶד אַחַר בִּיאָתָם לָאָרֶץ אָמַר "מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם" וְגוֹ'. וְלָזֶה הִקְדִּים "מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת" לִהְיוֹתָהּ מִצְוָה שֶׁיֶּשְׁנָהּ אָז, מַה שֶּׁאֵין כֵּן "מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם" שֶׁהוּא אַחַר בִּיאָה לָאָרֶץ (כג טו).

רבינו מבאר מה שהכתוב הזכיר ב' עניינים, "מיום הביאכם", ו"ממחרת השבת", שבא להורות על ב' זמנים שונים, "ממחרת השבת" מורה על זמן היותם במדבר קודם כניסתם לארץ, ו"ביום הביאכם" מורה על הזמן שאחר ביאתם לארץ.

בספה"ק **מנחם ציון** (ריש פר' שמיני) כתב בזה: צריך ביאור, איך ספרו ספירת עומר במדבר, הלא לא יכלו לומר 'היום כך וכך לעומר' שהרי לא הקריבו העומר. ולדעתי נראה שבאמת ספרו, שכן משמע בזוה"ק (ח"ג צז, ב) שהמצוה היתה מתחלת תיכף בעת צאתם ממצרים, ונראה שספרו ליציאת מצרים.

וראה **בר"ן** (על הרי"ף סוף פסחים) שכתב: ובהגדה גם כן אמרו, בשעה שאמר להם משה "תעבדון את האלוקים על ההר הזה", אמרו לו ישראל, משה רבינו אימתי עבודה זו, אמר להם, לסוף חמשים יום, והיו מונין כל אחד ואחד לעצמו. מכאן קבעו חכמים לספירת העומר, ע"כ. ומבואר, שישראל היו סופרים הימים ביציאתם ממצרים [אבל לא נתבאר שהיו מצווים על כך].

וביאר הר"ן את כוונתם, שהטעם שנוהגים לספור העומר גם בזמן הזה אע"פ שאין אנו מביאין קרבן ולא עומר, הוא שאנו **מחשבין נ' יום לשמחת התורה**, כמו שמנו ישראל ביציאתם ממצרים, והוא מבאר, שזה דרך מדרש הוא, אבל עיקרא דמילתא הוא שתיקנו כן חכמים 'זכר למקדש'.

## שיטת רבינו דמצות 'ספירת העומר' בזמן הזה מן התורה

וה**כלי חמדה** (קונטרס ניצוצי אור אות ב') העיר ע"ד רבינו, דהנה דעת התוס' (מנחות סו, א) והרבה ראשונים דספירת העומר בזמן הזבה הוא רק מדרבנן, כיון דאי אפשר להקריב העומר. אך לפי דברי רבינו דהיו מונים גם במדבר שלא הקריבו העומר, ומנו ממחרת השבת, א"כ בודאי גם בזה"ז הוא נוהג מה"ת, וכדעת הראשונים הסוברים כן.

וכן הבין בדעת רבינו ב**תורת רפאל** (סי' ע"ו), שכתב לבאר שיטת הרמב"ם דספירת העומר מה"ת, דכן מוכח מהפסוק דנקט תרי מילי "מיום הביאכם", "ממחרת השבת", והביא סימוכין לדבריו מדברי רבינו אלו, יעו"ש.

ובאמת כ"כ להדיא בספר **מאור החיים** (לתלמידו של רבינו) בשמו של רבינו, דלכך אמרה התורה שני הזמנים מיום הביאכם וממחרת השבת, להורות דגם בזמן הגלות שלא יהיה ביהמ"ק, חייבים בספירת העומר מה"ת, כיון דאין ספירת העומר תלוי בהקרבת העומר.

והובא שם **שרבינו הקדוש פתח את דרשתו בחקירה זו**, האם בזה"ז הוא נוהג מה"ת. אלא שחזר רבינו והקשה, מדוע התורה מקדימה לכתוב את החיוב של זמן הזה, לפני החיוב של "מיום הביאכם".

אכן, כאן באור החיים ביאר רבינו לפי דרכו, ש"ממחרת השבת", מורה על זמן היותם במדבר קודם כניסתם לארץ, שלפי"ז מובן בפשיטות למה הקדים "ממחרת השבת" כיון שזה כבר נהג אז, משא"כ "מיום הביאכם" שהוא רק אחר ביאה לארץ.

אולם, שם מובא שתירץ שתי תירוצים:

**א.** לרמז שספירת העומר בזמן הזה **חשובה לפני הקב"ה כמו ספירת העומר בזמן שביהמ"ק קיים**, ואע"פ שאין אנו מקריבים את העומר. וזו כוונת הכתוב "וספרתם לכם ממחרת השבת", זה חשוב בעיני כמו "מיום הביאכם".

**ב.** שהתורה מבטיחה לנו בזה, שאם אנו מקיימים המצוה הזאת בגלות, בזכות זה יקויים בנו "מיום הביאכם את עומר התנופה" בבנין בית המקדש.

## אגדה וחסידות

# נסמכה מצות שבת למועדות להורות שכוחו של בית דין לקבוע זמני הימים טובים הוא רק על ידי שהם שומרים את השבת

**מוֹעֲדֵי ה'** וְגוֹ'. כִּי עִקַּר הַמּוֹעֲדוֹת תָּלוּי בִּזְמַנִּים אֲשֶׁר יִקְרְאוּ אֹתָם, וְחָשׁ הַכָּתוּב שֶׁיִּטְעוּ לוֹמַר שֶׁבִּכְלָל זֶה גַּם כֵּן קְדֻשַּׁת יוֹם הַשַּׁבָּת אִם יַסְכִּימוּ לִדְחוֹתוֹ מִיּוֹמוֹ לְיוֹם אַחֵר יִתְקַדֵּשׁ עַל פִּיהֶם, לָזֶה חָזַר וּפֵרֵשׁ "אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי שֵׁשֶׁת יָמִים" וְגוֹ', פֵּרוּשׁ, אֵלֶּה שֶׁהֵם שַׁבָּתוֹת הֵם "מוֹעֲדָי", מוֹעֲדִים שֶׁקָּבַע הַבּוֹרֵא וְאֵינָם בְּגֶדֶר הִשְׁתַּנּוּת. וְחָזַר לוֹמַר "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ" אֲשֶׁר הִרְשֵׁיתִי אֶתְכֶם שֶׁתִּקְרְאוּ אֹתָם אַתֶּם, בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן וְגוֹ' פֶּסַח שָׁבוּעוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה יוֹם כִּפּוּר סֻכּוֹת אֵלּוּ אֵין קְדֻשָּׁתָם אֶלָּא עַל פִּי יִשְׂרָאֵל.

הגאון בעל קיצוש"ע בספרו **'אפריון'** כתב בשם **המאור הגדול מוה"ר צבי הירש פרידמאן אב"ד דק"ק ליסקא**, לבאר באופן נוסף, והקדים דברי רבינו **האוה"ח הק' הידועים** (בפר' בראשית ובפר' כי תשא וגם בפרשתינו רמזו רבינו כן עה"פ וספרתם לכם), שכתב שהקב"ה ברא את העולם ונתן לו כוח קיום רק לששת ימים, ובכל שבת ע"י שישראל שומרים את השבת הם נותנים בו כח קיום לעוד ששת ימים, וכן בכל שבת ושבת מתחדשת הבריאה לששת ימים נוספים.

ולפי"ז יש לומר, דהכח שיש לבי"ד לקדש החדשים ולקבוע זמני המועדות, הוא בא ע"י שמירת שבת, שעל ידי כך הם נעשים שותפים למעשה בראשית, וכמו שאמרו חז"ל, וממילא גם הם קובעים זמני החדשים והמועדים. ולכן אמרו חז"ל שאפי' בי"ד שוגגים או מזידים ג"כ מקודש, דכיון שכלל ישראל שותפין במעשה בראשית מסכימים למעלה לקביעותם.

ולכך אחרי שהתורה אומרת "אלה הם מועדי אשר תקראו אותם", ודרשו חז"ל מפסוק זה שבי"ד יכולים לקבוע חדשים, אומרת התורה מהיכן ניתן להם כח וזכות זה, אלא על ידי "כי ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת".

והוסיף על זה בספר 'אפריון', לפרש מה שמזמרים במוצש"ק בפיוט המבדיל: **'יום פנה כצל תומר אקרא לא-ל עלי גומר'**, דלכאורה קשה, דבירושלמי איתא על הפסוק "לא-ל גומר עלי" (תהלים נז ג), שהקב"ה קובע סדרי העולם עפ"י קידוש החודש של בי"ד שלמטה, ומדוע מזכירים זאת דוקא לגבי שבת קודש. ולפי המבואר מובן היטיב, דאחרי 'יום פנה כצל תומר' - שעבר יום שבת קודש ושמרו אותו כראוי, ע"י כן יהיה 'לא-ל עלי גומר' - היינו כוח קידוש החדשים וקביעת המועדים. **עכ"ד האפריון.**

כעין ביאור זה, מובא בשם **החידושי הרי"ם** (שיח שרפי קודש ח"א אות תט"ז, ובליקוטי יהודה בפרשתינו) שאמר, דכמו שמצינו בגמ' (זבחים פז, א; צז, ב) לגבי כלי שרת שהם היו קדושים מעצמם, וכתיב בהם (שמות ל כט) "כל הנוגע בהם יקדש", דכל מאכל הנוגע בהם מקבל קדושת הכלי שרת שמקדשם. כן הדבר הוא בכלל ישראל, **שהם נוגעים בקדושת השבת ומקיימים השבת, אז גם הם יכולים להמשיך ולקדש המועדות**. דקדושת יו"ט תלוי בבי"ד, ואילו קדושת שבת קבוע וקיימא, ואינה תלויה בישראל, אכן, **קדושת ישראל תלויה בקדושת השבת**, שאם יקיימו ישראל את השבת אז יכולים הם לקדש את המועדות, כי כבר נגעו הם בקדושת השבת להיות כמוה, ומכח זה יקדשו הם את המועדים.

ובזה מבאר החידושי הרי"ם מדוע מזכירים בכל יו"ט בחתימת הברכה "מקדש **השבת** וישראל והזמנים", ללמד בזה, שרק ע"י שהם מקדשים ושומרים את השבת, נמשך עליהם קדושה שיוכלו לקדש המועדים. **עכ"ד החידושי הרי"ם.**

**ונראה להוסיף בס"ד,** להבין בזה דברי חז"ל המובאים ברש"י 'מה ענין שבת אצל מועדות, ללמדך שכל המחלל את המועדות, מעלין עליו כאלו חלל את השבתות, וכל המקיים את המועדות מעלין עליו כאילו קיים כל השבתות'. יעו"ש. ולכאורה צריך ביאור מהו הקשר ביניהם. אמנם לפי דברי האפריון והחידושי הרי"ם מתבאר הדברים, כי כל כח קדושת המועדים תלויה ונמשכת מכח קדושת שבת, וכיון שמחלל את המועדות ומראה בכך שאינו מאמין בקדושת המועדים - הרי זו הוכחה שגם אינו מאמין בקדושת השבת. וכמו"כ להיפך, מי שמקיים את המועדות - שכל קדושתם נמשך מכח קדושת שבת וכנ"ל, הרי כאילו קיים את השבתות.

מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# תקופת איטליה

### הגומל לחייבים טובות

לאיטליה הגיע רבנו בנתיבי ים, ואת מושבו קבע בעיר ליוורנו, שהתפתחותה ושגשוגה היו קשורות לחשיבות מקומה לחופי הים התיכון. באותה תקופה, נחשבה ליוורנו כמטרופולין של סחר בינלאומי ונמלה היה שער הכניסה והיציאה המרכזי של איטליה הצפונית. גם מצב אחינו בני ישראל בעיר היה טוב, ועין השלטונות היה נוחה בגדילתה והתפתחותה של הקהילה היהודית, בה נקבעו יסודות איתנים של כמה קהילות שהגיעו ממדינות אחרות. בלטה בהן קהילת המגורשים שהגיעו מספרד, כמו גם קהילה גדולה שנוסדה על ידי פליטים שהגיעו מתוניס והתיישבו בליוורנו. פריחתה של ליוורנו נתנה אותותיה בקהילה היהודית, ורבים שנאחזו בה וראו ברכה במעשי ידיהם.

כאמצעי בטיחות, הנהיגו שלטונות איטליה, שכל הבא מחוץ לארץ ומבקש להיכנס לאחת הערים, חייב לשבת ימים אחדים בהסגר, כדי לוודא שהוא אינו נושא עמו מחלה כלשהי. כיון שרבים מן הנוסעים הגיעו מארצות מוכות מגפות - שבשנים ההן עשו שמות בארצות השכנות שמעבר לים - חשש שחולים יסתננו ויסכנו את שלום התושבים.

אף רבנו, ככל הנוסעים, הושם במחנה הסגר, ממנו יצא ביום טוב של חג השבועות ומיד השים פעמיו לתפילה בבית הכנסת. תוארו הדברים בלשונו של רבי משה פראנקו ז"ל - תלמידו ואיש אמונו של רבנו בליוורנו - שאת הקדמה לספרו 'מאור החיים', בו קיבץ דרשות שרשם מפי רבנו, פתח ותיאר: "בהיות שבא במחננו קדוש, החכם השלם הרב הכולל כמוהר"ר חיים ן' עטר, עם ב' נשיו וב' תלמידים, שם הא' ר' דוד חסאן ושם השני ר' שם טוב גבאי, וביום טוב של חג השבועות שנת ה'תצ"ט ירדו מלאזאריטו ובאו לבית הכנסת" [-'לאזאריטו' הוא מחנה ההסגר, כפי שאנו מוצאים בכתבי הרב חיד"א זצוק"ל (ראה ב'מעגל טוב', תיאור מסעו), ששהה ארבעים יום ב'לאזאריטו' בהגיעו לליוורנו בשנת תקל"ד, שם הכין לדפוס את ספרו 'שם הגדולים'].

### הצדיק בעיר - הוא הודה, זיוה והדרה

בערגת נפשו הטהורה לארץ ישראל, ייעד רבנו את ליוורנו כתחנה קצרה, בה יעשה פרק זמן בלבד, על מנת להמשיך בדרכו לאלכסנדריה וממנה לנחלת אבות. נוכל ללמוד על כך מלשון קדשו, שהדגיש כי בחינת שהותו בליוורנו היא 'במרוצה', כפי שחתם על תשובה הלכתית - בזו הלשון: "חתמתי פה ליאורני, מאן דמסיק שמעתתא אליבא דהלכת"ה אל עיר עז לנו, וקיים במרוצ"ה פדית"ה לפ"ק - ע"ה חיים בן עטר ס"ט".

התשובה נכתבה סמוך לבוא רבנו לליוורנו, בשנת תצ"ט (פדית"ה), וניכר כי רבנו ראה עצמו כ'הולך דרכים' ושהותו במקום נחשבה ארעית לגמרי. אלא שסובבה ההשגחה העליונה והאריכו את תקופת שבתו באיטליה כדי שנתיים ימים.

בהזכירו את עיכובו בליוורנו, כתב רבנו בהקדמת ספרו 'אור החיים':

עד כי הביאני ה' פה עיר ליאורני יע"א, לעלות דרך כאן לארץ חפצתי. והצצתי ביושבי ארץ... ומצאתי אנשים בה יחידי סגולה אותם ידרוש ה' לטובה, אשר מנפשם חמדו להיטיב ברוח נדיבה ברוח סמוכה, ובחרו בחיים, זה לאהוב זה לכבד וזה להועיל, בני ציון היקרים, הדר היקר נדבה רוחם אותם לעכבני אתם עמם ימים, ימים על ימיהם תוסיף שנותם שנות חיים ושלום עד העולם.

שכן נודעו יהודי ליוורנו בחיבתם ובהערצתם לחכמי התורה [כך תיארם הגאון רבי אברהם ברוך פיפרנו זצ"ל, מדייני ליוורנו, בספרו 'קול עוגב' (ליוורנו תק"ו), שהצטיינו יהודי ליוורנו "בלומדים מחבבי התורה ומכבדים לומדיה וקרבת חכמיה יחפוצו"], וכל אימת שנקלע אחד החכמים למקומם - היו מקדמים אותו בסבר פנים יפות, מעכבים אותו במחיצתם, מעמידים לו בית מדרש ומעתירים עליו מעות להחזקתו. גם בבוא רבנו לליוורנו ושמו הטוב הולך לפניו, התוודעו נכבדי העדה לתלאותיו ועשו ככל שלאל ידם כדי להמתיק את ישיבתו ביניהם. הקהילה שכרה לו דירת מגורים והקציבה לו כעין משכורת, אותה גבו בין העשירים והעניקו לו באהדת לב.

באיטליה ישב רבנו בכבודו של עולם, זכה לכבוד ולהערצה ונישא על כפיים, כאשר כל הקהל מייקרים את שבתו במחיצתו, והנגידים נכונים למלא כל מבוקשו. ועד כדי כך הגיעו הדברים, שהיו בעלי הממון פונים לרבנו ושואלים לרצונו כדי למלאו - כפי שתיאר רבנו בהקדמת ספרו 'אור החיים': "אשר מנפשם חמדו להיטיב ברוח נדיבה ברוח סמוכה, ובחרו בחיים". ועל כולנה, רם היה מעמדו בקרב חכמי ליוורנו, שהיו מקבלים כל דבריו ללא עוררין, כאיש אלוקים קדוש ששכינה מדברת מתוך גרונו.

יהודי ליוורנו אף נחלצו להגשמת שאיפתו הטהורה של רבנו, להביא תחת מכבש הדפוס את חידושי תורתו שהיו בכתובים, כאשר יסופר ויתואר. באותן שנתיים שהתגורר בליוורנו, הרחיב ה' את גבולו של רבנו בתלמידים, בהם כמה שהצטרפו לעלייתו לארץ ישראל ונמנו על בחירי ישיבתו. כמו כן דאג רבנו לייסד את ישיבתו, 'מדרש כנסת ישראל', להכין לה מקום ולהעמיד בסיס איתן לקיומה ולמחיית חכמיה.

כה הַכביר הרושם שהניח רבנו בלב כל יודעיו ורואיו, עד כי יצא שמעו הטוב והלך צדקו לפניו, ומליוורנו התפשטה השמועה בכל קהילות איטליה, כי צדיק נשגב שוכן בה, ורבים שהשתוקקו לדרוך בדל"ת אמותיו ולגעת בשולי אדרתו. משיצא רבנו מליוורנו ונסע בקהילות איטליה והולנד, ערגו המונים לקרבתו. והבאים במחיצתו, התלהטה בקרבם אהבת נפש ונקשרו אליו בעבותות פלא. הם-הם אשר זכו, ברצות ה' דרכיהם, להימנות על תומכי רבנו, בהכנותיו לעלייתו לארץ ישראל, ובשנים הבאות לסייע לכונן את ישיבתו בירושלים עיר הקודש.

### מל את ילדי ישראל

כחלק מעבודת הקודש של רבנו, נהג למול את ילדי ישראל ולקדשם.

מנהג נהגו יהודי איטליה, שכאשר הזדמן למקומם אחד מצדיקי הדור, היו מחלים את פניו ומכבדים אותו במצוה רבה זו, בראותם סגולה לנפשם, כי ילד שנימול על ידי צדיק וקדוש - בוודאי שיבורכו בכך כל שנותיו.

עדות למילה שמל רבנו תינוק בליוורנו יש בכתב ידו של הגאון רבי אברהם כלפון זצ"ל, בספרו 'לקט הקציר' (עודנו בכתב יד בספריית מוסקבה, אוסף גינצבורג 374) וזו לשונו: "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו, יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם, אשר זיכני האל יתברך שמו לעד שהגעתי לעיר הקדש תוב"ב צפת תוב"ב יום כ"ב לאלול המרוצה בשנת 'שלום רב' (=תקע"ח), ואני בזאת השנה בן שנת שמונה ושבעים שנה, ד' יזכני להאריך ימים על התורה ועל העבודה. אני הזעיר מכל צעיר, יתוש נתוץ כנפים, אברהם כלפון ס"ט בכ"ר רפאל כלפון תנצב"ה. ונולדתי בעיר ליוורנו ונתגדלתי בע"ת טראבלס יע"א, ומל אותי הרב המופלא הרב חיים בן עטר זלה"ה כשבא לליוורנו שנת ה'תק"א עם כמה בנים. ואני אומר, שאפשר שזכותו היא שעמדה לי שזכיתי לבוא לעיר הקודש תוב"ב ---

אלפים כבר נושעו
בזכות תרומתם למען ה'אור החיים' הקדוש
והפצת ספריו הקדושים
קְנה לעצמך זכות אצל האור החיים הקדוש
מוקד הישועות: 0733-713-620
ישועות ישועות

# פירושים וואס זענען געשריבן געווארן אויפן אור החיים הקדוש

*השלמת הענין; פירושים און ביאורים אויפן אור החיים הק'*

נאך פארשידענע ספרים זענען ארויס אין לויף פון די יארן, וואס די בעלי מחברים זענען מעיד אז זיי האבן זיך געבויעט אויף די ווערטער פונעם אור החיים הק'.

אזוי איז דער ספר **"יסוד אמונה ומידת ענוה"** להרה"צ ר' **חנוך הכהן מווארשא** זצ"ל [געדרוקט אין ווארשא שנת תקפ"א] א תלמיד פון די אריות שבחבורה מבני היכלא קדישא דמרן הבעש"ט הק' זי"ע; הרה"ק **רבי מיכל זלאטשובער** זי"ע, הרה"ק דער רבי **רבי זושא** זי"ע, הרה"ק **דער "חוזה" פון לובלין** זי"ע, און הרה"ק **דער קאזניצער מגיד** זי"ע. [אויפן שער בלאט פון זיין ספר שרייבט ער אז זיין טאטע איז געווען הגאון ר' טוביה זצ"ל אבדק"ק שטעקטשין, בן הרה"ק ר' משה זי"ע אבדק"ק שדה חדש, וועלכער איז געווען מבני היכלא קדישא פון מרן הבעש"ט הק' זי"ע ומנוחתו כבוד סמוך למקום מנוחת רבו הקדוש אין מעזבוז].

אין זיין ספר הייבט זיך כמעט יעדע שטיקל אן מיט ווערטער פונעם אור החיים הק' וואס אויף דעם פארברייטערט ער נאכדעם מיט זיינע אייגענע געדאנקען, אדער איז ער מחדש ביאורים אין די ווערטער פונעם אור החיים הקדוש אליין. בדומה לזה איז דער ספר **"חיי יצחק"** להגה"ח ר' **חיים יצחק אייזיק יוסטמאן** זצ"ל [א תלמיד פון הרה"ק בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע] וואס איז ארויס אין ווארשא שנת תרע"ב, וואס א גרויס חלק פון זיינע חידושים זענען אויך אוועק געשטעלט אויף ווערטער פונעם אור החיים הקדוש.

אזוי אויך דער **"צמח ה' לצבי"** שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר, אז ער האט מייסד געווען זיין חיבור אויף פיר הייליגע ספרים, איינס פון זיי איז "אור החיים הקדוש".

במשך די יארן, איז חוץ וואס ס'איז איבערגעדרוקט געווארן דער ספר אור החיים הקדוש אליין אין פארשידענע הוצאות און אין צענדליגער מהדורות, זענען אויך געדרוקט געווארן פארשידענע מהדורות וואס ענטהאלטן ביאורים אויפן אור החיים הק'. צווישן זיי איז דער פירוש **"אור בהיר"** להרה"ג ר' **ישעי' ווייס שליט"א** וואו ער ברענגט הערות בקיצור נמרץ צו פארלייכטערן אויפן לומד אין פלעצער וואו עס איז שווער צו פארשטיין. אזוי אויך איז אין די לעצטע פאר יאר ארויס א מהדורא מיט'ן ביאור **"ישמח משה"** להרה"ג ר' אפרים **משה קורנגוט ז"ל**, וואס האט געשריבן א ברייטן ביאור מסביר צו זיין די טיפע רעיונות פונעם אור החיים הק' אויף זיין שפראך.

אין די לעצטערע יארן איז ערשינען א חומש **"אור החיים הקדוש"** בהוצאת מכון "עוז והדר" באארבעט דורך הרה"ג ר' **מנחם מענדל פאמעראנץ שליט"א**, וואס איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי מדורים: איינס וואס איז מסביר בתמצית און בקיצור יעדעס ווארט פון לשון קדשו פון אור החיים הקדוש. און די צווייטע איז א ברייטערן ביאור, וואס איז מרחיב דעם ענין צוברענגענדיג לשונות און הסברים פון אנדערע פלעצער צו פארלייכטערן אויף הבנת הענין.

נאך א ביאור וואס איז שטארק אנגענומען געווארן אויף לומדי תורת רבינו אור החיים הקדוש איז דער חיבור **"אור לעינים"** להרה"ג ר' **שמואל נחום הלחמי וייסבראד שליט"א**, וואס איז שוין עטליכע יאר עוסק בתורת האור החיים הק' בחברותא מיט כ"ק מרן אדמו"ר **מאמשינאוו** שליט"א, און ער האט פארצייכענט די ביאורים בדבריו הקדושים עלי גליון.

אזוי אויך איז באוואסט אין אמעריקא לשם ולתהילה די געוואלדיגע אויפטוען פון **"מפעל אור החיים" - סקווירא**, וואס געבן ארויס דעם ספר אור החיים הק' מיט א פירוש אויפן אידישן שפראך, מקרב צו זיין דעם הייליגן לימוד פאר די וואס פארשטייען גרינגער אויף דעם שפראך. [אזוי אויך קומען זיי שוין א שיינע פאר יאר ארויס מיט א וועכנטליכער גליון וואס איז מרחיב בדברי רבינו לפי דרכי העבודה בדרך החסידות.]

בסייעתא דשמיא, נאך גרויס עמל ויגיעה, איז אין יאר תשע"ט ארויס דער ספר **"כל הכתוב לחיים"** (מהדורת רייזמאן) בהוצאת **"המכון מורשת אור החיים הקדוש"** וואס ענהאלט טויזנטער ציונים ביאורים און הוספות, וואס זענען במשך די יארן נתחדש געווארן דורך גדולי וגאוני ישראל אין די הייליגע ווערטער פונעם אור החיים הקדוש.

מיר האבן שוין אין אנפאנג געזאגט אז דאס שרייבן ביאורים אויפן אור החיים הקדוש איז נישט אזא פשוט'ע זאך, און במשך הדורות זענען געווען אסאך גדולי ישראל וואס האבן דאס אפגעשלאגן האלטנדיג אז עס איז נישט געמאכט געווארן פאר מענטשן אין די שפעטערע דורות מסביר צו זיין די הייליגע ווערטער וואס זענען געשריבן געווארן בקדושה ובטהרה. אבער קעגנדעם זענען געווען אסאך גדולי ישראל - ווי מיר האבן געברענגט אין די פריערדיגע מאמרים - וואס האבן דייקא יא געהאלטן אז מ'דארף דערנענטערן דעם הייליגן לימוד צו אלע שיכטן פון כלל ישראל, און פארשפרייטן תורת רבינו האור החיים הקדוש צווישן אלע אידן איבער דער גארער וועלט.

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויוי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב